ווערכנטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
**מוסדות היכל הקודש**
**קרית ברסלב ליבערטי**
בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

# קרית ברסלב בלעטל

פרשת תזריע-מצורע, ה' אייר תשפ"א לפ"ק
שנה ב' גליון ע"ג

**זמנים**
(Liberty)

הדלקת הנרות........7:22
מוצאי שבת........8:54

**זומער זמנים**

מנחה עש"ק........15 מינוט נאכן זמן
שחרית שבת........9:30
מנחה ושל"ס........15 מינוט נאכן זמן

# א מעשה פון תפלה

## מרדכי אהרן היילפרין

איינמאל פרייטאג צונאכטס פאר מנחה ווען דער ראש ישיבה שליט"א איז דא געווען, געט ער מיר א פרעג: "זאגסט נישט שיר השירים פאר מנחה ערב שבת"? גלייך האב איך געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל קענען פאלגן און זאגן יעדע וואך שיר השירים ערב שבת, ברוך השם די קומענדיגע וואך האב איך טאקע געזאגט שיר השירים, און איך בעט ווייטער דעם אייבערשטן איך זאל קענען פאלגן און זאגן יעדע וואך שיר השירים ערב שבת קודש.

## יקותיאל פעלדמאן

די פארגאנגענע צוויי וואכן איז מען נישט געקומען נעמען די גארבעדזש ביי מיין הויז, עס איז געווארן מער און מער גארבעדזש אנגעהויפנט, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן מען זאל עס שוין קומען נעמען ווי שנעלער, שכח אייבערשטער אז דעם פארגאנגענעם שבת זענען זיי עס געקומען נעמען. שכח אייבערשטער!

## שמואל דוד ברוין

פאר פסח בין איך געפארן אויף די שמאלע זאמדיגע ראוד נעבן די שטעטל, איך האב געמיינט עס איז שוין נישט דא קיין שניי דארט - אבער למעשה איז נאך יא געווען שניי אויפן ראוד, ערגעץ אינמיטן דעם ראוד בין איך פארהאנקערט געווארן אין די שניי און זיך נישט געקענט ארויסזעהן, איך האב אסאך געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל קענען ארויספארן פון דארט אנדעם וואס איינער זאל מיר דארפן קומען ארויסשלעפן, איך האב פרובירט אויף אפאר וועגן ארויסצופארן פון דארט, שכח אייבערשטער נאך אפאר לאנגע מינוטן האב איך מיר דערזעהן אינדרויסן פון דארט אן קיין שום הילף פון קיינעם. שכח אייבערשטער!

## יעקב משה אינדארסקי

די ערל'טע וואס פלעגט ריינגן ביי מיר אינדערהיים האט איין טאג אפגעמאכט מער נישט צוקומען, איך האב פרובירט צו שאפן א אנדערע זאל קומען, אבער ס'איז נישט געווען צו געפונען קיין איינער וואס וויל קומען, איך האב אסאך געבעטן דעם אייבערשטן פאר א נייע ערל'טע וואס זאל קומען ריינגן די דירה יעדע וואך, שכח אייבערשטער איך האב געטראפן א נייע ערל'טע וואס איז גרייט צו קומען יעדע וואך ריינגן. שכח אייבערשטער!

## הערשי שניטצלער

איך האב באקומען א טיקעט פון א פאליציאנט צוליב פארן שנעל, די סדר איז אז זיי שיקן א צעטל אויף די פאסט ווען מען דארף קומען אין געריכט, און דארט זעהט מען שוין אויב מען דארף באצאלן געלט - אדער גאר ערגער פון דעם; איך האב זייער שטארק געבעטן דעם אייבערשטן אז די געריכט זאל עס אינגאנצן אפווארפן און איך זאל ווערן ריינגעוואשן פון דעם. איך קום אן אין געריכט יענעם טאג, און דער פאליציי מאן הייבט אן זאגן פארוואס ער האט געגעבן א טיקעט, ער זאגט אז יענעם טאג - לאמיר זאגן עס איז געווען מאנטאג - בין איך געפארן שנעל, צוליב דעם האב איך אים געגעבן א טיקעט. נאכן ענדיגן זאגן וואס ער האט צו זאגן האט מען אים נאכאמאל איבערגעפרעגט וועלכע טאג ס'איז געווען, און ער רופט זיך אן "דינסטאג", האט זיך די שופט געגעבן א רוף אן "די טיקעט איז ארויסגעווארפן ווייל פריער האסטו געזאגט אז ס'איז געווען מאנטאג. שכח אייבערשטער פאר די אפענע נס וואס דו האסט געמאכט מיט מיר.

# נייעס אין שטעטל

## פרילינג סעזאן אין שטעטל

די שיינע ווארימע וועטערס איז שוין אנגעקומען ברוך השם, מען שפירט שוין דאס וואס דער הייליגער רבי זאגט לגבי רעדן צום אייבערשטן צווישן די גראזן **"עס איז זייער גוט פרום צו זיין צווישן זיי"**, ווען מען רעדט צווישן די גראזן ווילן אלע גראזן נכלל ווערן אין דעם תפלה, דערפאר איז זייער גוט צו רעדן צווישן די גראז אין די צייט ווען עס הייבט אן ארויס שפראצן.

פארגאנגענעם יום טוב פסח האט דער ראש ישיבה שליט"א אונז מעורר געווען מען זאל גיין אביסל שפאצירן צווישן די גראז וואס מען האט אין פארנט אדער אינטערן הויז און רעדן אביסל צום אייבערשטן, ס'איז גארנישט אז די קינדער וועלן זעהן די טאטע רעדט צום אייבערשטן, אדרבה מען דארף אויך אויסלערנען די קינדער זיי זאלן אביסל ארויסגיין שפאצירן אינדרויסן און רעדן צום אייבערשטן, אזוי ווי דער הייליגער רבי האט געזאגט **"ווען איך וואלט געהאט א זוהן וואלט איך אים ארויס געשיקט אליין אין פעלד רעדן צום אייבערשטן און איך וואלט נישט מורא געהאט"**.

אין איינע פון די גאר קאלטע ווינטער טעג ווען דער ראש ישיבה שליט"א איז געווען באזוכן אין שטעטל און מען האט גערעדט פון די פרעסטיגע קעלט וואס שניידט דורך די ביינער, האט זיך דער ראש ישיבה שליט"א דעמאלטס אויסגעדריקט: **"ווען ס'איז קאלט איז קאלט איבעראל אין אלע שטעט, אבער ווען ס'איז ווארעם איז אין שטעטל אסאך שענער**; דעמאלטס קען מען געשמאק רעדן און שפאצירן מיטן אייבערשטן, אזוי אויך האבן די קינדער אסאך פלאץ וואו צו פארברענגען און אזוי ווייטער.

מען האפט צום אייבערשטן אז דער זומער וואס קומט וועט קענען ווערן גוט אויסגענוצט אין שטעטל ברוחניות ובגשמיות.

## זיכוי הפת פארן עירוב אין שטעטל

ערב פסח אינדערפרי האט דער ראש ישיבה שליט"א צוזאם גערופן ביי אים אין שטוב אלע בודקים וואס זענען זיך מוסר נפש א גאנץ יאר בודק צו זיין דעם עירוב, און גייען ארום זיכער מאכן אז דער עירוב איז כשר, און מען קען טראגן אינעם גאנצן שטעטל.

דער ראש ישיבה שליט"א האט מסביר געווען פאר די בודקים וויאזוי עירובי חצירות ארבעט; שבת קודש מעג מען נישט טראגן נאר אין איין רשות היחיד, און אפילו מען נעמט ארום די שטאט מיט א צוים, זענען דא אין א שטאט אסאך רשיות, דערפאר דארף מען אויפהייבן א פת און מזכה זיין דערמיט אלע איינוואוינער, דאן ווערט עס גערעכנט ווי יעדער האט א שייכות מיט דעם הויז, אזוי ווערט עס ווי איין משפחה. דאס ווערט גערופן "עירובי חצירות".

נאכדעם האט דער ראש ישיבה שליט"א געמאכט די ברכה אויפן עירוב, און געזאגט פאר ר' מרדכי אהרן היילפרין הי"ו זאל עס אויפהייבן און מזכה זיין פאר אלע איינוואוינער דורך זאגן "איך בין מזכה דעם פת פאר די גאנצע שטאט", נאכדעם האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט די לשון "בהדין עירובא וכו'" וואס שטייט אינעם סידור, און עס איבערגעטייטש אויף אידיש.

דא איז טאקע די פלאץ זיך צו באדאנקן פאר די בודקים פונעם עירוב, וואס זענען זיך מוסר נפש א גאנץ יאר ארום צוגיין ערב שבת אין בודק זיין דעם עירוב אויב עס איז כשר, און עס האט זיך שוין געמאכט אסאך מאל וואס מען האט געטראפן אז די עירוב איז געווען פראבלעמאטיש, און מען האט שנעל עס געדארפט פאררעכטן כדי די איינוואוינער זאלן קענען ניצן דעם עירוב אויף שבת. זאל זיי דער אייבערשטער באצאלן מיט אלעס גוטס זייער גאנץ לעבן.

# א ברייוו פון דעם ראש ישיבה שליט"א

**בעזרת ה' יתברך - יום ג' לסדר טהרה, ב' אייר, י"ז לעומר, שנת תשע"ח לפרט קטן**

לכבוד ... נרו יאיר

דער עיקר וואס דער רבי וויל פון אונז איז איין זאך: מיר זאלן זיך דערהאלטן מיט אלע אונזערע כוחות ווייטער אנצוגיין מיט תורה ותפילה און מיר זאלן נישט אויפגעבן ווען מיר זעהן אז עס גייט אריבער טעג און יארן וואס מיר פרובירן צו דינען דעם אייבערשטן, אבער מען קוקט זיך אן און מען זעט אז מען האלט נאך זייער ווייט פון א פינטעלע עבודת השם. דאס איז די גאנצע זאך וואס דער רבי וויל; **דער רבי איז אונז מחזק**, ער שטארקט אונז מיר זאלן נישט אויפגעבן ווען מיר זעהן ווי מיר האלטן אין איין אראפפאלן, נאר מיר זאלן ווייטער דינען דעם אייבערשטן און ווייטער אנגיין מיט תורה תפילה.

לאז דיר נישט צעברעכן פונעם שטן, פונעם יצר הרע; **דער ס"מ האט זייער פיינט א מענטש** און ער וויל אים אויסרייסן פון דער וועלט און פון יענער וועלט, דערפאר מאכט ער זיך בא'טעמ'ט פארן מענטש, אזוי ווי שלמה המלך זאגט (משלי ה, ד): דער שטן מאכט אויס קוקן ווי עבירות איז א גוטע זאך, אבער "**וְאַחֲרִיתָהּ מָרָה כַלַּעֲנָה, חַדָּה כְּחֶרֶב פִּיּוֹת**", דער סוף איז נישט גוט; דער סוף פון עבירות איז טויט, **דער סוף פון שמוץ איז זייער ביטער**.

אויב מען טוט תשובה און מען קומט צוריק צום אייבערשטן איז גוט, ווייל דער אייבערשטער ווארט דער מענטש זאל תשובה טון, **ער ווארט אז דער מענטש זאל רעדן א ווארט צו אים**; יעדע ווארט וואס מען איז זוכה צו רעדן צום אייבערשטן גייט ארויף זייער הויך און מאכט א רעש און א טומל אין אלע וועלטן, אפילו דער מענטש קוקט אויס ווי ער קוקט אויס, אויב דערהאלט מען זיך און מען שרייט צום אייבערשטן: "**טאטע! ראטעווע מיר, טאטע, העלף מיר איך זאל נישט פארלירן ביידע וועלטן, טאטע, וואס זאל איך טון אז איך פאל אראפ אין עקעלדיגע מעשים; טאטע, וואס זאל איך טון אז מיינע אויגן זענען נישט ריין, איך קוק אויף שמוץ און איך טראכט שמוץ**", דורך דעם איז מען זוכה ארויסצוגיין פון אלעם שלעכטס; דאס איז וואס דער רבי וויל פון אונז, מיר זאלן אנהייבן כסדר פון דאסניי, מיר זאלן זיך מחדש זיין און זיך באנייען יעדע רגע און יעדע מינוט.

נעכטן האבן מיר זוכה געווען צו עפענען א כולל: "**כולל היכל הקודש**", וואס איז נאך א רינגעלע אין אונזער הייליגע נעץ "**מוסדות היכל הקודש**"; איך דאנק און לויב דעם אייבערשטן אז מיר האלטן שוין דא.

דו קענסט זיך נישט פארשטעלן וואס מיר זענען אלץ אריבער במשך די יארן פון ווען מיר האבן געעפענט די ישיבה; ביטערע מחלוקת מבית ומחוץ, אלע האבן געשריגן אז דאס דארף מען אויסרייסן (היה לא תהיה), אבער געלויבט דעם אייבערשטן אז מיר האלטן שוין צען יאר זינט מיר האבן געעפענט די הייליגע ישיבה, "**הָעֲשִׂירִי יִהְיֶה קֹּדֶשׁ לַה'!**" שוין צען יאר וואס מיר לערנען מיט קינדער און בחורים אז עס איז דא א באשעפער אויף דער וועלט, צען יאר וואס מיר לעבן מיטן הייליגן רבינ'ס ווערטער; נעכטן האט מיר דער אייבערשטער געגעבן א געשאנק פארן צענטן יאר אז מיר האבן געעפענט א כולל.

איך געדענק ווען די רבנים פון שטאט האבן זיך צוזאמגעזעצט דן צו זיין אויף מיר צי איך מעג האבן די ישיבה צי נישט, איז געווען זייער אנגעצויגן, עס האט ממש אויסגעקוקט ווי עס איז עק וועלט; מען איז ארום געלאפן צו רבנים זיי זאלן מיר העלפן (איך בין נישט געגאנגען צו קיינעם), האבן מיר אפאר חברים דערציילט אז זיי זענען געווען ביי א גרויסן רב, איינער פון די גרעסטע פוסקים בזמנינו, מען האט זיך געבעטן ביי אים ער זאל שרייבן א צעטל אז ער געבט אן הסכמה אויף די ישיבה, האט דער רב שליט"א געזאגט אז אויב איך וועל אונטער שרייבן אז איך לאז אפ ברסלב וועט ער מיר העלפן, ער וועט אנרופן די רבנים זיי זאלן אפלאזן די ישיבה; זענען זיי געקומען צו מיר בעטן איך זאל דאס טון, איך האב אבער נישט געהאלטן ביים שרייבן אזא צעטל אפילו נאר לפנים.

למעשה האב איך דערציילט פאר מוהרא"ש וואס יענער רב האט געזאגט, האט מוהרא"ש מיר געזאגט: "זאג פאר יענעם רב, אז דער רבי האט דיר שוין אפגע'מל'עט; **דו ביסט שוין א ברסלב'ער און מען קען דיר שוין נישט אוועק נעמען פון רבי'ן**. אזוי ווי די גוים זאגן פאר די אידן מישט אייך אויס מיט אונז, ווערט ווי אונז, דאס איז אבער נישט שייך ווייל א איד קען נישט ווערן אויס איד, א איד איז גע'מל'עט, א איד האט נישט קיין ערלה, מה שאין כן די גוים ווערן אנגערופן פארשטאפט, אזוי ווי עס שטייט (ירמיהו ט, כה): "**כִּי כָל הַגּוֹיִם עֲרֵלִים**", דאס זעלבע קענסטו שוין נישט אפלאזן דעם רבי'ן". דאס איז פאר מיר געווען זייער א שטארקע חיזוק אז מוהרא"ש זאגט מיר: "**דער רבי האט דיר שוין אפגע'מל'עט**".

למעשה האט דער אייבערשטער געהאלפן אז זיי זענען נישט ארויס געקומען אנטקעגן מיר, **די ישיבה שטייט ווייטער און עס וועט שטיין ביז משיח וועט קומען**, מיר וועלן קענען זאגן פאר משיח: "מיר האבן יעדן טאג געטון גוטע זאכן אז דו זאלסט קומען וואס שנעלער", און יעדער איינער וואס וועט עוסק זיין אין הפצה, ער וועט גיין פארשפרייטן דעם אייבערשטן און דעם רבינ'ס עצות פאר אידישע קינדער - יעדער איינער אויף זיין וועג, וועט אויך קענען זאגן פאר משיח: "**מיר האבן א חלק אין דיין קומען**".

בעט דעם אייבערשטן אז דו זאלסט האבן אמונה און דו זאלסט לעבן מיט אים, דו זאלסט לעבן מיט (תהילים טז, ח): "**שִׁוִּיתִי ה' לְנֶגְדִּי תָמִיד**"; אז א מענטש לעבט מיט אמונה אינעם אייבערשטן וועט ער נישט קוקן קיין שמוץ אפילו ווען ער איז אויף א פלאץ וואו קיינער איז נישט דארט, **ער וועט זיך שעמען פונעם אייבערשטן** ווייל ער ווייסט אז דער אייבערשטער איז מיט אים ביי אים און נעבן אים; ער וועט אכטונג געבן וואסערע טעלעפאון ער האט, נישט ווייל ער האט א משגיח אויפן קאפ, נאר ער וועט מורא האבן פון (שיר השירים ב, ט): "**מַשְׁגִּיחַ מִן הַחֲלֹּנוֹת מֵצִיץ מִן הַחֲרַכִּים**", דער אייבערשטער - וואס ער איז אונזער משגיח; ער זעט אלעס און הערט אלעס. דאס וואס מען זעט אים נישט, מען הערט אים נישט און מען שפירט אים נישט, דאס איז ווייל ווען א מענטש זינדיגט חס ושלום ווערן אים זיינע חושים פארוואלקנט, ער מאכט זיך א מסך המבדיל, אזוי ווי עס שטייט (ישעיהו נט, ב): "**כִּי אִם עֲוֹנֹתֵיכֶם הָיוּ מַבְדִּלִים בֵּינֵכֶם לְבֵין אֱלֹהֵיכֶם**", ווען מען זינדיגט ווערט אזוי ווי א מחיצה צווישן דעם מענטש אינעם אייבערשטן.

מוהרא"ש האט דערציילט אז מען האט אמאל געהערט ווי דער הייליגער בעל התניא זאגט שיר השירים און ער זינגט זיך דעם פסוק (שיר השירים ב, ט): "הִנֵּה זֶה עוֹמֵד אַחַר כָּתְלֵנוּ" און ער טייטשט דאס אויס אזוי: "**הִנֵּה זֶה עוֹמֵד**", אט איז דער אייבערשטער, ער שטייט דא; "**אַחַר**", דאס וואס מיר זעהן דא עפעס אנדערש, מיר זעהן נישט דעם אייבערשטן, דאס איז ווייל מיר האבן געזינדיגט און זיך געמאכט "**כָּתְלֵנוּ**" א וואנט; אבער אז מען טוט תשובה נעמט מען אראפ דעם וואנט און מען זעט אז אלעס איז דער אייבערשטער. דאס וועט זיין ווען משיח וועט קומען, מען וועט זאגן (ישעיהו כה, ט): "**הִנֵּה אֱלֹהֵינוּ זֶה קִוִּינוּ לוֹ וְיוֹשִׁיעֵנוּ, זֶה ה' קִוִּינוּ לוֹ, נָגִילָה וְנִשְׂמְחָה בִּישׁוּעָתוֹ**".

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.


**חז"ל זאגן: ווער עס איז מעביר סדרה צוויי מאל די חומש און איין מאל די תרגום.**

ווועלכע פון די פיר תירוצים זענען ריכטיג?

א) וועט האבן פרנסה בריווח ג) וועט האבן ערליכע קינדער

ב) וועט זוכה זיין צו עולם הבא ד) וועט לעבן לאנג

חידות אפטיילונג



דער געוואונער פון פאריגע וואך איז שמעון איידליס נ"י

שיקט אריין די ענטפערס צו 845-379-1161

ענטפערס פון פאריגע וואך

טובות, אפילו מען איז נישט ראוי



KB Landscpaing



אזוי ווי די זומער סעזאן איז שוין דא, און מען דארף שוין אנהייבן טראכטן פון שניידן גראז, קומט אריין די גאר גוטע נייעס פונעם עפענען פון א לענדסקעפינג קאמפאני אנגעפירט דורך אונזער חשובער חבר האברך אשר בער אינדארסקי הי"ו וואס וועט שטיין גרייט צו באדינען די אייגענטומער מיט אלע לענדסקעפינג געברויכן וואס פעלט נאר אויס.

צו באשטעלן רופט שוין

347-997-2348






דארפט איר צו קויפן אדער ליעסן א

קאר / ווען / פיקאפ טראק

רופט היינט

Hurleyville Leasing

845-720-0041

יענקי יאקאבאוויטש - יקותיאל פעלדמאן